# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה״צ רבי אביגדור מיללער זצ״ל

פר׳ בהעלותך
שנה ב׳




כל הזכויות שמורות

## וויאזוי ארבעט מען אויף ענוה?

### חלק א׳ - די אינסטינקט פון גאווה

אין פרשת בהעלותך טרעפן מיר אויסערגעווענליכע לויב-ווערטער וואס הקדוש ברוך הוא האט נאך אמאל אויסגעגאסן אויף א בשר ודם. די תורה זאגט אונז אויף משה רבינו, **וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה** - און משה איז געווען דער גרעסטער עניו פון אלע מענטשן אויף דער וועלט (יב, ג).

די תורה זאגט אונז נישט אז ער איז געווען א חכם מכל אדם, דער קליגסטער מענטש אויפ׳ן ערדקוגל - אגב, ער איז געווען - און די תורה זאגט אונז נישט אז ער איז געווען דער זריז מכל אדם - וואס ער איז אויך דאס געווען. עס זענען דא גענוג לויב־ווערטער וואס די תורה וואלט ווען געקענט ארויסברענגען אויף משה רבינו, אויסדריקליך, און דאך האט די תורה אויסגעוועלט אונז צו זאגן די איין זאך, ״ער איז געווען א גרעסערער עניו ווי סיי וועלכער מענטש אויף דער וועלט.״

### וואס איז ענווה?

אן אויסרוף ווי דאס, אויף משה רבינו וואס איז געווען דער סימבאל פון צדקות איז ווערד צו לערנען און ארייננקלערן דערין מיט קאפ און מחשבה. דער אמת איז אז מען וואלט געקענט פארברענגען אסאך צייט אויף דער נושא און עס וואלט נאכאלץ נישט גענוג געווען. אבער די ערשטע זאך וואס מיר דארפן וויסן איז אז דער גאנצער נושא פון די אויסערגעווענליכע עניוות פון משה רבינו איז אומפארשטענדליך צו אונז, ווייל לויט ווי אזוי מיר פארשטייען דעם נושא פון ענווה, וואלטן מיר געמיינט אז משה רבינו איז געווען א שוואכלינג, א שטילער און א באשיידענער מענטש וואס אנערקענט נישט זיין אייגענע ווערד. נאך אלעם, איז נישט דאס וואס ענווה מיינט? מיינט דאס נישט אז דו דארפסט זיך האלטן קליין אין צוגלייך צו אנדערע מענטשן. אפשר מיינט ענווה אז דו האלסט זיך נישט אזוי קלוג און דערפאלגרייך ווי אנדערע?

דעריבער, אויב מיר וואלטן געזאגט פשט אין דער תורה, וואלטן מיר געזאגט אז דאס מיינט אז משה האט זיך געהאלטן נידריגער פון יעדן איינעם פון דער וועלט. דאס איז וואס איך וואלט ווען געזאגט.

## אן אוממעגליכע מסקנא

אזא באהויפטונג איז אוממעגליך צו פארשטיין. עס וואלט געווען זינלאז זיך פארצושטעלן אז משה רבינו האט זיך געהאלטן נידריגער פון יעדן איינעם, ווייל אין דער תורה שטייט, **וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה** - און עס איז נישט אויפגעשטאנען נאך א נביא ביי אידן ווי משה (דברים לד, י). אונזער גרויסער תורה־לערנער, משה רבינו, וואלט זיכער נישט געלייקענט דעם פסוק אין חומש. ס'איז דאך א חלק פון דער תורה.

און ס'איז נישט נאר א חלק פון דער תורה, נאר ס'איז "די תורה"! ווייל דאס איז דער סערטיפיקאט פון דער תורה, אז ס'איז נישטא אזא זאך אז א נבואה זאל איבערשטייגן די נבואה פון משה רבינו!

"קיינמאל מער נישט," זאגט השי"ת, "וועט אויפשטיין א נביא אזוי גרויס ווי משה רבינו." און אויב זאל אונטערקומען שפעטער איינער און אויסרופן אז ער האט באקומען א סימן פון הימל אז משה רבינו'ס תורה איז שוין מער נישט שייך (ח"ו), זאלסטו וויסן אז ער איז א ליגענער און פאפער, א פאלשער נביא. קיינער וועט קיינמאל נישט האבן דעם כח צו זאגן: "איך האב באקומען א הוראה מן השמים אויסצומעקן וואס משה רבינו האט געלערנט."

## נישט קיין "שיפלות־קאמפלעקס"

פון אלע מענטשן אויף דער וועלט האט משה רבינו דער בעסטער פארשטאנען די תורה, און אוודאי האט ער געגלייבט אינעם פונדאמענטאלן יסוד אז עס וועט קיינמאל נישט אויפשטיין א נביא אזוי ווי אים. משה רבינו האט געגלייבט יעדעס ווארט פון דער תורה. ער איז ח"ו נישט געווען אן אפיקורס. ער האט געוואוסט אז ער איז דער איינציגער מענטש אין דער היסטאריע צו רעדן פנים אל פנים מיט השי"ת, און דער דבר השם וואס איז געקומען צו עם ישראל דורך אים איז דאס ענדגילטיגע ווארט לעולם ועד.

דעריבער קומען מיר צוריק צו דער שאלה: ווי אזוי קען זיין אז דער מענטש וואס איז געווען גרעסער פון סיי וועמען אויף דער וועלט איז אויך געווען מער ענווה'דיג פון סיי וועמען אויף דער וועלט? עס שטעלט פאר א פראבלעם צו דער אנגענומענער באדייט פון "זיך האלטן קליין", ווייל משה האט זיכער געוואוסט זיין ווערד. ער האט אוודאי נישט געהאט א שיפלות־קאמפלעקס.

## ווייס דיינע שטארקע נקודות

מיר דארפן איבער'חזר'ן וואס מיר האבן שוין געברענגט פונעם חובת הלבבות: "א בהמה זעט אויך אויס צו זיין אן עניו." קענסט זען א גרויסער אקס וואס ווערט אראפגעפירט די שאסיי דורך א אינגל. א געווענליכער אקס וועגט מער פון טויזענט פונט, און דאס קליינע אינגל וועגט אפשר זיבעציג-אכציג פונט. דער אקס קען אים גרינגערהייט צעטרעטן אויף דער ערד אין אן אויגנבליק, אבער ער מארשירט ווי א שוואכלינג הינטער דעם יונג אויספאלגנדיג זיין באפעל. דו ווילסט מיר זאגן אז דער אקס איז אן עניו?! ניין, ער איז נישט קיין עניו. ער איז א שוטה! ער האט נישט קיין שכל. ער ווייסט נישט פון זיין כח. ער ווייסט נישט פון זיינע מעגליכקייטן.

א פירער פון עם ישראל, אפילו ער איז אן עניו, קען נישט זיין קיין שוטה. ער קען נישט זיין איינער וואס גיט זיך אונטער. משה רבינו איז נישט געווען קיין נעבעכל. ער איז נישט געווען קיין שוואכלינג. ער האט זיך נישט אונטערגעבויגן צו קרח און צו סיי וועמען. ער איז געווען א שטארקער מאן. ער האט גערעדט מיט באק־ציינער ווען ער האט געדארפט. ער האט געוויזן אויך רוגזה ווען עס האט זיך אויסגעפעלט. **וַיִּקְצֹף מֹשֶׁה עַל פְּקוּדֵי הֶחָיִל** (במדבר לא, יד).

אדער ווען דער שעיר החטאת איז פארברענט געווארן, **דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה... וַיִּקְצֹף עַל אֶלְעָזָר וְעַל אִיתָמָר** (ויקרא י, טז). ער האט פארלאנגט צו וויסן. וואס איז די סיבה פארוואס דו האסט פארברענט דעם קרבן? ער איז נישט אוועקגעגאנגען ווי א שוואכלינג מיט ספיקות. ער איז געווען שטייף! ער האט פארלאנגט צו פארשטיין! פארוואס האסטו נישט געגעסן דעם קרבן?!

## דער סימן פון א גרויסן מענטש

און אזוי גרויס ווי ער איז געווען, ווי אימפאזאנט און שטייף ער איז געווען ווען עס האט זיך פארלאנגט, איז ער געווען אן עניו צו אנדערע. משה רבינו האט געהאנדלט מיט דער מענטשהייט אויף אן אופן פון הכנעה ווען נאר מעגליך. אלע אונזערע גרויסע לייט זענען געווען אזוי. אויב איינער איז זיך נישט אומגעגאנגען מיט הכנעה, קענסטו זיכער זיין אז ער איז נישט געווען קיין צדיק.

זיכער קענסטו זיין דער גרעסטער צדיק און נאכאלץ זען די גרויסקייט פון אנדערע. זיכער קענסטו זיין דער מערסטער געשעצטער מענטש און נאכאלץ זיך אומגיין מיט אנדערע מיט שעצונג. און דער געוואלדיגער דערגרייכונג פון משה רבינו, צו וויסן די אייגענע ווערד און דאך זיך באגיין מיט אנדערע מיט ענווה, איז עפעס וואס מיר דארפן פרובירן נאכצומאכן, אזוי ווי סשטייט, "איינע פון די זאכן וואס מען וועט פרעגן אויף יענער וועלט איז, **והמלכת את חבירך בנחת רוח?**" (ראשית חכמה, שער היראה).

דאס איז א שאלה וואס דו וועסט דארפן ענטפערן ביי דעם גרויסן יום הדין. האסטו געטון אדער נישט? אנשטאט צו שאפן אויף אנדערע דורך דיין באציאונג, דורך עפענען דיין גרויסע מויל, האסטו גערעדט איידל צו אים? האסטו אים געמאכט שפירן ווי ער איז חשוב'ער פון דיר? ס'איז א שאלה וואס דו וועסט איין טאג דארפן ענטפערן.

## דער אומוויסנדיגער בעל־גאווה

ס'איז נישט אזוי גרינג ווי מיר מיינען, ווייל מיר האבן נישט ענווה. פאקטיש האלטן מיר שטארק פון זיך! און ווען איינער האלט שטארק פון זיך, קען ער זיך נישט העלפן ווען ער קוקט אראפ אויף אנדערע. צומאל וועט ער אפילו רעדן קעגן זיי און זיי אראפקלאפן.

מען הערט עס כסדר, אפילו ביי עמי הערצים. קענסט זיי זען שטיין ביים טעלעפאן און הערן ווי זיי קלאפן אראפ דעם און יענעם. אויב דו זיצט נעבן אזעלכע מענטשן אין בית המדרש און דו וועסט דיך צוהערן נאר פאר א קליין ביסל צייט, וועסטו תיכף געוואויר ווערן אז דו זיצט נעבן איינעם וואס איז גרויס ביי זיך. ער קלאפט אראפ יעדן, דער מענטש וואס זיצט נעבן אים, דער

רב, דער גבאי, דער חזן. קיינער איז נישט גענוג גוט פאר אים. ער האלט זיך גרעסער פון יעדן און קיינער קען זיך נישט פארגלייכן צו אים.

דאס איז די מערסטע נאטורליכע זאך וואס איז פאראן. אפילו א קליינע בעיבי שטייט איבער זיין בעטעלע פול מיט גאווה. ער האט ליב צו טון זאכן צו באקומען אויפמערקזאמקייט. ער טאנצט ארויף און אראפ אז דו זאלסט קלאפן פאר אים. א קליין קינד מיינט אז ער איז אלעס. אני ואפסי עוד. אין בין אלעס און חוץ מיר איז גארנישט דא אויף דער וועלט.

ער מיינט אז די גאנצע וועלט איז בטול צו אים. אלעס וואס ער וויל איז אויך וויכטיג פאר די גאנצע וועלט... און אויב ער באקומט דאס נישט וועט ער בריקען מיט די פיס און שטעלן א ווידערשטאנד, ער וועט שרייען און וויינען מיט קולות. ער מיינט אז די גאנצע וועלט דרייט זיך ארום אים, און נאר צוליב אים.

מיט דער צייט, ווען ער ווערט עלטער, פארשטייט ער אז עס זענען דא נאך מענטשן אויף דער וועלט און ער לערנט זיך אויס זיך צוצושטעלן צו דער מענטשהייט. כדי זיך צו קענען דורכקומען מיט אנדערע, דארף ער אונטערדריקן זיין גאווה אין אים. אבער ס'איז נאכאלץ דארט נאר ס'איז טיף אינעווייניג. ער איז זיכער אז וואס ער טוט, ווי אזוי ער טוט, און ווי אזוי ער טראכט איז דער ריכטיגער וועג זיך צו פירן. ער טראכט: "איך ווייס אז מיין דרך איז דער בעסטער. איך מאך טאקע צומאל טעותים, אבער בדרך כלל האב איך מער ישוב הדעת ווי סיי ווועמען..." און ער איז אזוי שטאלץ מיט זיך אז ער קוקט אראפ אויף זייער אסאך מענטשן.

## די אינסטינקטיווע גאווה

דער ריינער אמת איז אז דער מענטש איז צוגעוואוינט צו האלטן פון זיך וועלטן, נישט ווייל ער האט געמאכט די חשבונות. ער האט קיינמאל נישט גענומען די מי אריינצוקלערן אין די מעלות פון אנדערע און אין די מעלות וואס ער פארמאגט און דאס צוגלייכן איינע צום צווייטן. ניין, ער האט קיינמאל נישט שפעקולירט דערוועגן. אינסטינקטיוו ווייסט ער אז ער איז בעסער. דאס איז דער נאטירליכער אינסטינקט אויף דער וועלט!

דעריבער, אויב מיר ווילן זיך מתגבר זיין אויף דער אינסטינקט, דארף מען אריינלייגן יגיעה. כדי צו גיין קעגן דאס איינגעבוירענע געפיל פונעם אייגענעם חשיבות, מוזסטו ווערן פארנומען צו חזר'ן די גוטע אייגנשאפטן פון אנדערע. אנערקענען די מידות אין אנדערע מענטשן איז דער ערשטער שריט צו ווערן אן עניו, א מענטש וואס וועט זיך נישט שעמען צו ענטפערן די גרויסע שאלה: "האסטו געמאכט דיין חבר חשוב'ער פון דיר?" דאס איז די ערשטע איבונג אויפצובויען "ענווה מאסקלען", צו ווידמען צייט צו זוכן נקודות טובות אין אנדערע מענטשן.

## לייג אוועק אביסל צייט

אין אויב דו זוכסט, וועסטו זיכער טרעפן! יעדער האט עפעס מעלות טובות. דו וועסט זיין איבערראשט וויפיל עס זענען דא. דו וועסט גאנץ מעגליך געוואויר ווערן אז אנדערע זענען נאך אזוי חשוב ווי דו, און אפשר נאך מער... מיר זענען צוגעוואוינט אוועקצוקוקן פון אנדערע מענטשנ'ס מעלות ווייל מיר ווילן ענדערש קוקן אויף די אייגענע. מיר האבן בעסער ליב דעם

וועג... אבער עס איז נישט קיין עסק. מען מוז זיך אויך נישט אראפקלאפן, נאר וואס מיר זאגן דא איז אז דו זאלסט אנהייבן אויפצוהייבן אנדערע.

יעצט, זאג מיר נישט אז דו ווייסט שוין דערוועגן. ווייל ס'איז נישט אמת. דו האסט עס נאך קיינמאל נישט געטון. דו האסט נאך קיינמאל נישט אוועק געגעבן צייט אריינצוטראכטן אין די מעלות פון אנדערע. ס'קען זיין אז אמאל האסטו פערצופאל געהאט א מחשבה אז דער מענטש האט די מעלה און א צווייטער האט א געוויסע גוטע מידה, אבער דאס איז ווייט נישט גענוג. דו מוזסט שפענדן צייט צו טראכטן דערפון. אויב דו וועסט אנהייבן טראכטן אביסל, וועסטו נאך א קורצער צייט אנהייבן איינזעהן אז דו ביסט נישט דער גרעסטער צדיק אויף דער וועלט. אנדערע מענטשן זענען אויך פול מיט גוטס, און צוביסלעך וועסטו זיך אויסגראדן מיט אנדערע, און אפשר וועסטו זיך שפירן נישטיג קעגן אסאך פון זיי.

## פראקטישע ענווה

ווען דו הייבסט אן אריינצוקלערן אין יחידים, איינער אויפאמאל, וועסטו ווערן איבעראשט פון די מעלות פון אנדערע מענטשן און צוביסלעך וועט דיין גאווה, דיין גרויסהאלטערישקייט, אנהייבן נאכצולאזן. דאס איז איינער פון די וועגן ווי אזוי אנצוהייבן צו גיין אויפ'ן דרך פון ענווה וואס משה רבינו האט אויסגעטראטן זיין גאנץ לעבן.

און דאס מיינט גיין אינעם דרך פון צדקות. דאס איז וואס די ספרים זאגן. ווען דו ביסט מעיין אין מוסר ספרים און דו לערנסט דעם סעיף פון ענווה, זעסטו אז דאס איז דער פונדאמענט פון אזויפיל גוטע מידות. ענווה איז א שם הכולל, אן אלגעמיינער כלל וואס רעכנט אריין אזויפיל גוטע זאכן. אלע מידות טובות זענען א תולדה פון ענווה. אן ענוותן איז באליבט ביי זיינע ארומיגע. ער איז נישט קיין גערעגטער נאר ער איז גוטהארציג און געדולדיג, ער איז אויך נאכגיביג. איינער וואס איז אן עניו צו אנדערע מענטשן גייט אויף דעם דרך פון גרויסקייט.

# חלק ב' - שטייענדיג פאר א פערזענליכקייט

## די אנדערע הכנעה

דו וועסט באמערקן אז ווען עס קומט צו עניוות, וועלן די ספרים אייביג באהויפטן אז מען מיינט "בין אדם לחבירו", די הכנעה וואס מען שפירט צו די מענטשן ארום אים, ווייל דאס איז דאס מערסטע זעלבסטפארשטענדליך. קעגן וועמען זענען מענטשן אויפגערעגט? קעגן אנדערע מענטשן! דערפאר, די טייטש וואס מיר טראכטן געווענליך אויף ענווה איז זיך צו פירן מיט הכנעה צו יעדן איינעם. דערפאר איז די עבודה פון חזר'ן דאס חשיבות פון אנדערע אזוי וויכטיג.

אבער ווען דו לערנסט דעם חובות הלבבות און דו קומסט אן צו שער הכניעה, דער סעיף וואו ער לערנט אונז וועגן דער מידה פון ענווה, וועסטו זוכן אומזיסט אויב דו וועסט וועלן טרעפן עפעס וועגן דעם נושא וואס מיר האבן גערעדט דא היינט נאכט. דער חובת הלבבות איז א ספר

בין אדם למקום, אן אינסטרוקציע־ספר ווי אזוי צו לעבן אויף דער וועלט מיט׳ן אויבערשטן, און ווען ער רעדט דארט פון הכנעה, ברענגט ער אונז אריין אין אינגאנצן עפעס אן אנדער נושא בכלל. לייג צו קאפ ווייל דאס איז דער נושא פאר דער נאכט. דאס איז א פונדאמענטאלע נקודה וואס פארדינט זיך צו ווערן דורכגעלערנט באריכות.

ווען דער חובת הלבבות רעדט וועגן זיין אן עניו, זאגט ער אז הכנעה מיינט זיין אן עניו קעגן הקדוש ברוך הוא. דאס איז דער טייטש וואס דער חובת הלבבות שטעלט אונז פאר. דו דארפסט לערנען ווי אזוי צו זיין א בעל־ענווה ווען דו דינסט השי״ת.

## הכנעה צו וועמען?

רוב מענטשן, ווען זיי הערן דאס, וועלן זיי טראכטן, איז עס טאקע וויכטיג צו זאגן אז איך דארף זיין אן עניו צו השי״ת? זיי ווייסן ניטאמאל וואס דאס מיינט. אבער דער חובת הלבבות רעכנט דאס פאר קריטיש וויכטיג! און ער זאגט אונז א גרויסער חידוש, אז ווען די תורה לויבט אויס משה רבינו פאר זיין ענווה, איז דאס בעיקר צוליב זיין עניוות פאר השי״ת.

מיר פארשטייען אוודאי אז אויב די תורה האט אונז געזאגט אז ער איז געווען דער גרעסטער עניו, איז ער זיכער געווען מיט הכנעה צו אנדערע מענטשן אויך. משה רבינו איז זיך אומגעגאנגען צווישן אנדערע מענטשן מיט רעספעקט. זיכער איז ער געווען מיט הכנעה בין אדם לחבירו. אבער וואס מיר לערנען יעצט איז אז אפילו די הכנעה פון משה רבינו איז געשטאנען אויף א העכערער מדריגה, א הכנעה צו השי״ת. דאס איז וואס דער חובת הלבבות לערנט אונז.

## הכנעה און באוואוסטזיניגקייט

אויב מיר ווילן ארויסנעמען עפעס פונעם היינט־נאכטיגן שיעור, זאלן מיר פרובירן זיך מתבונן צו זיין דאס בעסטע וואס מיר קענען וואס משה רבינו האט געטון צו דערגרייכן די מדריגה, א הכנעה צו השי״ת וואס האט אים צוגעברענגט אזעלכע לויב אין דער תורה. מיר וועלן זיכער נישט קענען אלעס פארשטיין אויף דער מדריגה וואס משה רבינו האט פארשטאנען, אבער איין זאך וואס מיר קענען יא ווייסן איז אז דער מענטש וואס פון אלע מענטשן איז ער געווען דער גרעסטער עניו, איז נישט געבוירן געווארן אן עניו. ער איז צוגעקומען צו דער מדריגה דורך פיל יגיעה, און דאס איז עפעס וואס מיר דארפן זיכער נאכטון.

מיר קוקן אריין אין דער פרשה און מיר טרעפן אז די ערשטע זאך וואס די תורה זאגט אונז איבער משה רבינו, נאכ׳ן אים לויבן פאר זיין עניוות, איז **וּתְמֻנַת הַשֵּׁם יַבִּיט** (במדבר יב, ח).

משה רבינו האט געהאלטן דעם **שויתי השם** פאר אים מער פון סיי וועלכן מענטש וואס האט געלעבט פאר אים און נאך אים. ער האט נישט געקענט זען דעם אויבערשטן, אבער וויפיל א בשר ודם קען ווייסן פון דער אנוועזנהייט פון השי״ת, האט משה רבינו דערגרייכט.

## דער הכנעה׳דיגער פירשט

און פונקט ווי ווען א מענטש שטייט פאר א קעניג, אפילו ער איז א פירשט אדער א געוועלטיגער

איבער ריזיגע שטחים, אבער אין דער קעגנווארט פונעם קעניג שפירט ער זיך נישטיג. ער קניט און ביקט זיך מיט הכנעה.

לאמיר ברענגען א ביישפיל פונעם פירשט פון גלאסגאו: ער קומט באזוכן דער קעניג פון ענגלאנד. אין גלאסגאו האט ער א גרויסן פאלאץ מיט פול באדינער, אפשר אויך א סוויטע פון שאפערס און א גאנצע מלוכה. אבער ווען ער שטייט פאר'ן קעניג, שטעלט ער זיך אוועק מיט הכנעה מיט זיין קאפ איינגעבויגן. ווען דו שטייסט פאר א קעניג, נישט קיין חילוק ווי גרויס און מעכטיג דו ביסט, ביסטו נישטיג קעגן אים. אויב דו ווייסט אז דו שטייסט קעגן איינעם זייער חשוב און אויב דו האסט נאר אביסל שכל, וועסטו שפירן א געפיל פון הכנעה.

## דער הכנעה'דיגער נביא

אזוי איז, להבדיל, ווען איינער שטייט פאר הקדוש ברוך הוא, אזוי ווי משה רבינו האט געטון. ער איז געווארן אויטאמאטיש פול מיט הכנעה. **וְדִבֶּר הַשֵּׁם אֶל מֹשֶׁה פָּנִים אֶל פָּנִים** (שמות לג, יא). השי"ת האט גערעדט צו משה פנים אל פנים. דערפאר איז ער געווען **וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד**. און נישט ווייל "איך בין גארנישט ווערד", ניין, "איך בין זייער חשוב".

איז משה געווען פון די קלענסטע מענטשן? ניין, ער איז געווען דער גרעסטער מענטש, און ער האט עס געוואוסט! אבער איך שטיי פאר'ן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און ווען איינער שטייט פאר'ן גרויסן קעניג, איז ער אויטאמאטיש פול מיט הכנעה.

דעריבער, נישט קיין חילוק וויפיל משה רבינו האט אנערקענט זיין חשיבות, האט ער געוואוסט אז ער איז נישטיג. ער איז געווען אן עניו מער ווי סיי וועלכער מענטש ווייל ער האט געוואוסט פון השי"ת מער פון סיי וועלכן מענטש. דער אויבערשטער איז געווען איינגעקריצט אין זיין מח מיט גרויסע אותיות וואס האט נישט געקענט ווערן אפגעמעקט אפילו פאר א רגע. ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין היסח־הדעת אפילו פאר א סעקונדע צו פארגעסן אז ער שטייט לפני השם. ווען איינער ווייסט קלאר אז ער שטייט קעגן דעם אויבערשטן, דארף ער נישט לערנען אין די מוסר ספרים. ער איז אן עניו אויטאמאטיש. אזוי איז משה רבינו געווארן דער עניו מכל אדם.

## טו עס אינדערהיים

ווען דו פארשטייסט אז אמת'ע ענווה, די ריינע הכנעה וואס דער אויבערשטער ערווארט פון אונז, איז געוואנדן אין דער אנערקענונג אז דו שטייסט שטענדיג פאר אים, מיינט דאס אז ווי מער דו וועסט חזר'ן אז דו ביסט אין דער אנוועזנהייט פון השי"ת, אלץ מער וועסטו זיין אן עניו.

דער פסוק זאגט, **אֱלֹקִים מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף עַל בְּנֵי אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ אֶת אֱלֹקִים** (תהלים נג, ג). ער קוקט אויף דיר אלעמאל. אין פרקי אבות לערנען מיר אז מיר דארפן לעבן מיט דעם פארשטאנד. **דע מה למעלה ממך** - (אבות ב, א). דאס מיינט אז דו דארפסט עס וויסן. דו דארפסט עס שפירן אין דיין גאנצער וועזן. דער וואס האלט עס פאר זיינע אויגן ווערט אן אמת'ער עניו, ווייל ער איז מיט הכנעה קעגן השי"ת.

### פראקטיצירן אין קאוונע

ווען איך בין געווען אין קאוונע, האב איך געהערט פון די עלטערע ישיבה־לייט אז עס געפינט זיך א מוסר־שטיבל אין קאוונע, א ספעציעלע הויז. איך האב איבערגעלאזט דעם סדר איינמאל, און איך בין דארט אהינגעגאנגען. זיי האבן מיר געזאגט אז ס'איז שטענדיג צוגעשפארט, אבער ס'איז דא א לויזע ציגל וואו זיי באהאלטן דאס שליסל. זיי האבן מיר פארגעשטעלט וואו דאס ציגל געפינט זיך און זיי האבן מיר געזאגט איך זאל ארויסנעמען דאס ציגל און איך וועל טרעפן דארט די שליסל. אזוי איז טאקע געווען. איך האב געטראפן די לויזע ציגל. איך האב עס ארויסגעצויגן און געטראפן דאס שליסל, און איך בין אריינגעגאנגען.

איך גיי אריין און איך האב מיך געטראפן איינער אליין אין דעם מוסר־שטיבל. איך בין געזעסן דארט טראכטנדיג, אקעי, איך בין דא, אבער וואס זאל איך טון? ס'איז א געלעגנהייט. אזוי האב איך געטראכט אז איך דארף ארבעטן אויף דעם. "השי"ת קוקט אויף מיר." אזוי בין איך געזעסן א שעה צייט. א גאנצע שעה בין איך געזעסן דארט אליין טראכטנדיג אז השי"ת קוקט אויף מיר. דאס איז געווען אינעם אלטן מוסר־שטיבל אין קאוונע. איך וואלט קיינמאל נישט אויפגעגעבן יענע איבערלעבעניש, אויסדריקליך נישט...

ס'איז אזוי וויכטיג און דו מוזסט טרעפן צייט דערפאר. די אמאליגע גרויסע צדיקים האבן געווידמעט וואכן און חדשים דערויף. פארשטייט זיך אז זיי האבן געטון אנדערע זאכן אויך, אבער זיי האבן כסדר געארבעט אויף דעם בליק, די אויפוואכונג אז הקדוש ברוך הוא קוקט שטענדיג אויף דיר. זיינע אויגן זענען שטענדיג געוואנדן אויף דיר.

## חלק ג' - שווייגען פון הכנעה

### א מענטש מיט ווייניג ווערטער

ס'איז דא נאך א וויכטיגער מעטאד פון ארבעטן צו דערגרייכן ענווה וואס קומט פון שויתי השם, עניוות וואס משה רבינו ווערט געלויבט פאר דעם. דערמאנן זיך נאר ווען משה רבינו איז באאויפטראגט געווארן דורך השי"ת צוריקצוגיין קיין מצרים צו רעדן צו פרעה. האט ער געזאגט, לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי (שמות ד, י).

געוויסע מענטשן גרייזן אז דאס מיינט אז ער האט געשטאלפערט. אבער ס'איז נישט פונקט אזוי. דער פשט אין חומש איז אנדערש ווי מיר מיינען. "איך בין נישט א מענטש מיט ווערטער," מיינט אז איך בין א מענטש וואס איז נישט צוגעוואוינט צו רעדן. ער האט זיך טרענירט צו האלטן זיין מויל פארמאכט, און דורך יענער טרענירונג האט משה דערגרייכט דעם טיטל עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם. ס'איז א וויכטיגער לימוד וואס דו הערסט דא. איינע פון די וועגן צו ווערן אן עניו איז דורך זיין א מענטש מיט ווייניג ווערטער.

צומאל קענסטו זען א מענטש זיצן אויפ'ן באנק אין פארק און רעדן שעות ארוכות. קען זיין אז דו ביסט אים מקנא. די האסט נישט די ווערטער אין מויל און דא איז דער מענטש א קראן פון

דרשות. די ווערטער פליסן ארויס נאטירליך, און מענטשן הערן זיך צו צו אים. דו באטראכסט אים און דו קלערסט צו זיך: ׳וואס האט ער שוין צו רעדן אזוי סאך?!׳

דער ענטפער איז אז ער רעדט פון זיך אליין, וואס ער האט געזען, וואס ער געהערט און וואס ער טוט. דער מענטש ליידיגט זיך אויס אינגאנצן, און ער וויל דאס ווייזן פאר אנדערע. רעדן איז דאס פארקערטע פון ענווה.

אין הלכות דעות (ב, ג) ברענגט דער רמב״ם איבער דער מידה פון ענווה. ער זאגט אונז דארט איבער דער סכנה פון גאווה, און ער ראט אונז צו גיין צו דער עקסטרעם ענווה, **שאין דרך הטובה שיהיה אדם ענו בלבד אלא שיהיה שפל רוח** - עס איז נישט דער ריכטיגער וועג אז דער מענטש זאל זיין נאר אן עניו ער דארף אויך זיין א שפל רוח, דאס מיינט דו זאלסט זיין זייער הכנעה׳דיג.

און מיטאמאל, אינמיטן דעם נושא, זאגט דער רמב״ם (שם, ד), **לעולם ירבה אדם בשתיקה ולא ידבר אלא או בדבר חכמה או בדברים שצריך להם לחיי גופו** - א מענטש זאל זיך טרענירן אייביג צו זיין א שווייגער. ער זאל רעדן נאר דיבורים של חכמה אדער ווערטער וואס זענען וויכטיג פאר זיין עקזיסטענץ.

פאר די אלגעמיינע לייענער זעט אויס ווי דער רמב״ם טוישט רעלסן. קודם רעדט ער פון גאווה און דערנאך גייט ער אריבער צו אן אנדער נושא בכלל און ווארענט אונז קעגן איבריגע ווערטער. ס׳זעט אויס ווי ס׳האט נישט קיין שייכות, ווי ס׳שטימט נישט.

## שווייגן איז ענווה

אבער אויב דו וועסט זיך מתבונן זיין ווי עס דארף צו זיין, וועסטו זען אז ס׳איז נישט פונקט אזוי. דאס איז ווייל שווייגן איז ענווה! נישט רעדן איז ביידע: די סיבה און דער רעזולטאט פון ענווה. ווייל שווייגן ווייזט אז דו ביסט באוואוסטזיניג אז דו שטייסט פאר דער אנוועזנהייט פון איינעם.

שלמה המלך האט דאס אונז געלערנט אין קהלת (ה, א). דער סוד צו אמת׳ע ענווה, **אַל תְּבַהֵל עַל פִּיךָ וְלִבְּךָ אַל יְמַהֵר לְהוֹצִיא דָבָר לִפְנֵי הָאֱלֹקִים כִּי הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל הָאָרֶץ עַל כֵּן יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים** - דו זאלסט נישט צואיילן דיין מויל און הארץ ארויסצורעדן רייד פארן באשעפער, ווייל השי״ת איז אין הימל און דו ביסט דא אויף דער ערד, דערפאר זאלסטו פארמינערן דיינע רייד.

## פארשטענדליכע שווייגן

אויב א מענטש עפענט זיין מויל און די ווערטער פליסן ארויס אן קיין אפהאלט, ווייזט דאס אז ער באגרייפט נישט אז איינער איז אין זיין אנוועזנהייט. להבדיל, אויב דו וועסט רעדן צום גדול הדור, לאמיר זאגן הרב שך אדער הרב פיינשטיין, וואלסטו גערעדט אסאך? אויב דו האסט אביסל שכל אין קאפ, וואלסטו נישט ארויסגערעדט א ווארט בכלל.

לאמיר זאגן אז דו וועסט אריינגיין צום סיגעטער רב אויף בעדפארד עוועניו. דו שטייסט

פאר'ן רבי'ן און איינער קומט צו דיר, היי, חיים! וויפיל אזייגער איז? וואלסטו געענטפערט, "דריי אזייגער"?! ניין, דו וואלסט געהאלטן דיין מויל פארשלאסן ווען דו שטייסט פאר א רבי'ן! דו לאזט אים רעדן. דו האלטסט זיך שטיל. **חכם אינו מדבר בפני מי שהוא גדול ממנו** - א חכם עפנט נישט זיין מויל ווען ער שטייט פארנט פון איינעם וואס איז גרעסער פון אים (אבות ה, ז).

נישט נאר א רבי, נאר אפילו אויב אן עושר וואלט געשטאנען דא, וואלסטו גערעדט מיט אן איינגעהאלטענעם טאן. א רייכער מענטש איז אמאל אראפגעקומען צו אונזער "ירחי־כלה", און ווען ער איז דורכגעגאנגען, איז געווארן שטיל. פארוואס? פאר גארנישט. ער וואלט אונז ממילא גארנישט געגעבן. די רייכע געבן צומאל דאס וויניגסטע פון יעדן און מיר האבן אים שוין געקענט פון פריער. ער האט אונז גארנישט געגעבן, און דאך האבן מיר אראפגענידערט אונזער טאן אין דער אנוועזנהייט פונעם רייכן מענטש.

מען זעט דאס כסדר. דער פרעזידענט פונעם "באָרד אוו דירעקטערס" קומט אריין אין ישיבה און ס'ווערט תיכף שטיל. אפילו די רביים הייבן אן צו רעדן אין שטילע טענער. די בחורים שמועסן נישט הויך. מען לאכט נישט ארום. דער גרויסער מענטש איז דא!

אבער עס איז פאראן איינער וואס איז גרעסער ווי דער פרעזידענט, גרעסער ווי הרב שך און דער סיגעטער רבי, להבדיל. און איינער וואס עפענט זיין מויל ברייט ווייזט אז ער איז נישט אין דער אנוועזנהייט פון השי"ת. אויב דו רעדסט וויפיל דיין הארץ באגערט, גלייבסטו נישט אינעם אויבערשטן.

איך רעדט נישט דא פון קיין פרומקייט. פרומקייט איז נישט קיין יראת־שמים. עס האט בכלל נישט קיין שייכות. פרומקייט איז א געוויסע איינפירונג, א גוטע איינפירונג. יראת־שמים איז עפעס אנדערש אינגאנצן. דאס מיינט צו וויסן פון הקדוש ברוך הוא.

## קען מען דאס טאקע נישט דערגרייכן?

פאר געוויסע מענטשן זעט אויס די מדריגה ווי עפעס וואס מען קען נישט דערגרייכן. דאס איז ווייל דער אויבערשטער איז א נאמען אינעם סידור. ער איז אין שול. הלוואי זאלן מיר אויפהערן צו רעדן אין שול ווען דער סידור איז אפן. אבער ווי אזוי קענען פשוט'ע מענטשן ווי אונז דערגרייכן דעם שויתי השם?

די תשובה לערנען מיר פונעם מסילת ישרים (ז, כב), **התנועה החיצונה מעוררת הפנימית**. דאס מיינט אז די דרויסנדיגע מעשים זענען משפיע אויף אונזער פנימיות. דער מסילת ישרים נוצט כסדר איבער די וויכטיגע נקודה.

נעם א ביישפיל פון א מענטש וואס קומט אין שול מיד און שלעפעריג. ער האט נישט קיין שום התלהבות. וואס טוט ער? געוועגליך גארנישט. אבער אויב ער לערנט די עצה פונעם מסילת ישרים, וועט ער עפענען זיין מויל און זיך צווינגען אויסצושרייען, "**הוֹדוּ לַשֵּׁם קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו**..."

ער מיינט עס נישט, אבער ער שרייט נאכאלץ. נאך א ווײַלע וועט זיין דרויסנדיגע עבודה משפיע זיין אויך אויף אינעווייניג און ער וועט ווערן פול מיט התלהבות.

דאס זעלבע איז אין דעם פאל אין וועלכן א געוויסער מענטש איז נישט באליבט ביי דיר און יעדעס מאל וואס דו גייסט אים פארביי גיסטו אים א פריינטליך שמייכל. דו האלסט נישט דערביי, אבער דו מאכסט די פעולה דורך רוקן דיינע מוסקלען און קירצליך דערנאך וועסטו שוין ארויסברענגען א ווילן פון גרייטקייט.

דאס איז א וויכטיגע נקודה. אויב דו ווילסט מאכן פארשריט אין דיין לעבן, שפיל כאילו דו ביסט א גוטער מענטש און דו וועסט משפיע זיין א רעאקציע אין דיר. שפיל ווי דו דאווענסט מיט כוונה. דו פאפסט קיינעם נישט, ווייל דער סוף וועט זיין אז דו וועסט צוקומען דערצו.

## דערגרייכן באוואוסטזיניגקייט

מיר קענען נוצן די עצה אויך פאר'ן נושא פון היינט נאכט. וואס איז אויב דו ביסט נישט יעצט באוויסטזיניג פון דעם שויתי השם לנגדו תמיד, אבער דו ווילסט עס און דו וועסט אנהייבן עס צו פראקטיצירן? אויב מיר ווילן זיין אן עניו ווי משה רבינו, וועלן מיר מוזן טון זאכן פון אינדרויסן אויפצואוועקן אונזערע געפילן פון אינעווייניג.

אויב א מענטש פירט זיך אויף ווי ער ווייסט אז ער שטייט פאר'ן אויבערשטן, וועט ער נישט עפענען ברייט זיין מויל, און דאס וועט אים מאכן שפירן אז ער שטייט לפני אלוקים.

ס'איז אן עבודה וואס מען דארף פראקטיצירן. דער וויץ ליגט אויפ'ן צונג? זאג עס נישט. וועסט באקומען אמונה אז דו שטייסט פאר השי"ת.

## זיי באהאלטן

קומסט אריין צו א חתונה, שטעל דיך נישט אוועק אינמיטן זאל צו נעמען מזל־טוב וואונטשן פון יעדן ווי גלייך דו ביסט דער חשוב'סטער מענטש דא... ניין, זיץ אין זייט ווי א בלום אויף דער וואנט, נישט ווייל דו ביסט שעמעווידיג, נאר ווייל דו ווילסט פראקטיצירן ענווה. ווען דו קומסט אין בית־המדרש, מאך נישט קיין גערודער. באווייז דיך נישט אין גרויסן. ס'איז שווער זיך צו האלטן דאס מויל, אבער ווען דו ווייסט אז דער אויבערשטער איז אויך אין דעם צימער, איז נאך שווערער אויסצושיסן דאס מויל, נישט קיין חילוק ווי חשוב דו ביסט...

דער ציל פאר'ן עפענען דאס מויל איז צו ווייזן אז איך בין דא. דערפאר נעמט אזויפיל כח זיך איינצוהאלטן, ווייל דו קריגסט זיך מיט'ן חיי'ישן אינסטינקט אין דיר וואס וויל בילן אדער אויסשרייען "מיא"...

ווען א מענטש איז מצליח צו האלטן זיין מויל פארמאכט דורך זיך דערמאנען אז ער איז בשָפָל פאר השי"ת, גייט ער שוין אין די פוס־טריט פון משה רבינו וואס איז געווען דער עניו מכל אדם!

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**איך וואלט זייער געוואלט לערנען ספר משלי פון אנהויב ביזן סוף דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן. קענט איר מיר געבן א וועג וויאזוי צוצוגיין צו לערנען דעם ספר?**

## תשובה:

ווען די לערנסט משלי, די ערשטע זאך דארפסטו געדענקען אז דער ספר משלי ווייסט געגנוי וואס ער רעדט, ער שפילט זיך נישט ארום מיט די צייט, אפילו אויב די ערקלערונגען קוקן צומאל אויס גאנץ פשוט און איינפאך, זיי אבער קלאר ביי דיר אז די רייד פון משלי איז בכלל נישט פשוט. דאס איז זייער וויכטיג צו וויסן אז א קלוגער מענטש רעדט צו דיר - איינער פון די קלוגסטע וואס דער וועלט האט נאר אמאל געזען, דערפאר פרוביר צו פארשטיין די טיפקייט פון זיינע ווערטער.

דו וועסט צומאל דארפן אריינקוקן אין די מפרשים דיך ארויסצוהעלפן. וואס עס זאל נאר נישט זיין מאך אפ ביי דיר קלאר אז משלי איז אן אוצר פון גאר טיפע און קלוגע חכמה פארן פראקטישן לעבן.

כאטש משלי איז א ספר פון יראת שמים, צו מורא האבן פון באשעפער, אזוי ווי עס שטייט אנהייב פונעם ערשטן פרק, מוזטו אבער פארשטיין אז משלי איז אויך א ספר פאר א סוקסעפולן לעבן. אויב דו ווילסט זיין פרייליך אויף דער וועלט, דאן איז משלי דער וועגווייזער דערצו. משלי לערנט דיך וויאזוי צו דיעלן מיט מענטשן און וויאזוי זיך צו פארן מיט זיך אליין אז דו זאלסט האבן הצלחה'דיגע לעבן אויף דער וועלט.

עס איז פארהאן אזויפיל אוצרות אין משלי, עצות וויאזוי צו היטן דיין געזונט, וויאזוי צו באשיצן דיינע נכסים, דיין געלט, וויאזוי זיך אן עצה צוגעבן מיט יעדן - דיין ווייב, דיינע קינדער, שכנים, דיינע שונאים. עס איז א בושה אז אזויפיל מענטשן האבן צייט צו ליינען אלעס אויף דער וועלט - צייטונגען, מאגאזינען און נאך אזויפיל גארבעדזש, אבער דער ספר משלי האט מען נעבעך נישט קיין צייט.

עס איז קלאר אז די וויכטיגסטע עצה וואס מען דארף איז וויאזוי ווער איך נאנט צום אויבערשטן, אבער משלי איז אויך פול מיט קלוגע געדאנקען דיר ארויסצוהעלפן לעבן א גליקליכן לעבן אויף דער וועלט. אז דו וועסט דאס וויסן וועסטו צוגיין צום ספר מיט אן אנדערן בליק. דאס זאל זיין דיין ערשטע טריט לערנענדיג ספר משלי.


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד** מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**